**LDSS-4148C-YI** (Rev10/09)

# ניו יארק סטעיט

# וואס איר דארפט וואוסן אויב איר האט אן עמוירדזשענסי

## פראגעס און ענטפערס

# ביכל 3

**(LDSS-4148C-YI)**

זעט אויך

**ביכל 1**

**(LDSS-4148A-YI)**

"וואס איר דארפט וואוסן וועגן אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן
(ווען איר גיט זיך איין פאר אדער איר באקומט בענעפיטן)

און

**ביכל 2**

**(LDSS-4148B-YI)**

"וואס איר דארפט וואוסן וועגן סאשל סערוויסעס פראגראמען"

האלט דעם ביכל פארן באנוץ אינעם צוקונפט

# עמוירדזשענסיס

**די ערשטע זאך וואס איר זאלט טאן, אויב די עמוירדזשענסי ערלויבט אייך די צייט, איז צו רעדן צו א סאשל סערוויס באאמטען. איר זאלט אויך רעדן צו א סאשל סערוויסעס באאמטען נאכדעם וואס איר האט גענומען שריט וועגן די עמוירדזשענסי סיטואציע און/אדער אויב די אנדערע פארשלאגן אין דעם ביכל טוען נישט באהאנדלן אייער עמוירדזשענסי סיטואציע.**

**פ.** **וואס איז אן עמוירדזשענסי?**

**ע.** אן עמוירדזשענסי איז א דרינגענדער געברויך אדער א סיטואציע וועלכע דארף באהאנדעלט ווערן זאפארט. א טייל ביישפילן פון אן עמוירדזשענסי זענען:

- איר זענט היימלאז.
- איר האט ווייניג אדער איבערהויפט נישט קיין עסן.
- איר האט עמוירדזשענסי מעדיקל בילס און איר קענט נישט באצאלן פאר די מעדעצינישע באהאנדלונג וואס פאדערט זיך.
- אייער לענדלארד האט אייך געגעבן ארויס-שטעלונג פאפירן אדער האט אייך געזאגט אז איר מוזט זיך זאפארט ארויס ציען אין פארלויף פון די קומענדיגע פאר טעג.
- איר האט נישט קיין גאזאלין פאר הייצונג אין א תקופה פון א קאלטן וועטער.
- אייערע יוטיליטיס זענען אפגעשפארט, אדער האלטן ביים ווערן אפגעשפארט, אדער איר האט באקומען א אפשפארונג מעלדונג.
- איר אדער איינער אין אייער פאמיליע אדער הויזגעזינד איז געווארן אויסגעשטעלט צו פיזישע אדער געשלעכטליכע פייניגונג, גייסטיגע פייניגונג, אדער דראונגען פון געוואלדטאטן אדער פייניגונג און די די אקטן זענען דורכגעפירט געווארן דורך א מיטגליד אין די פאמיליע אדער אין די הויזגעזינד.
- איר האט ווייניג אדער איבערהויפט נישט קיין פארדינסטן, ווייניג אדער איבערהויפט נישט קיין מיטלן.
- דער טאטאל פון אייערע פארדינסטן און מיטלן איז ווייניגער ווי דער טאטאל פון אייער רענט אדער מארטגעדזש פלוס הייצונג, יוטיליטיס און טעלעפאן.

**אויב איר גיט זיך איין פאר Temporary Assistance (צייטווייליגע הילף), און איר זאגט אונז היינט אז איר האט אן עמוירדזשענסי, מוזן מיר אייך היינט געבן אן אינטערוויו איבער אייער עמוירדזשענסי, אדער אויף אן אנדערן וועג היינט אדרעסירן אייערע עמוירדזשענסי געברויכן. מיר מוזן אייך אויך זאגן היינט, שריפטליך, וואס אונזער באשלוס איז איבער אייער עמוירדזשענסי. אויב איר גיט זיך איין פאר Food Stamp Benefits (פוד סטעמפ בענעפיטס), און איר זענט בארעכטיגט צו די פארשנעלערטע באהאנדלונג, וועט דער אינטערוויו און די מעלדונג פון אונזער באשלוס זיין נישט שפעטער ווי פינף קאלענדער טעג נאכ'ן טאג וואס איר האט אויסגעפילט אייער אפליקאציע.**

**אויב איר האט ווייניג אדער איבערהויפט נישט קיין עסן, אדער נישט גענוג געלט צו קויפן עסן, זאלט איר זיך זאפארט איינגעבן פאר פוד סטעמפ בענעפיטס.**

**פ.** **וויאזוי גיב איך זיך איין פאר עמוירדזשענסי צייטווייליגע הילף?**

**ע.** אויב איר **באקומט שוין** צייטווייליגע הילף און אן עמוירדזשענסי איז אנטשטאנען, זאגט דערוועגן זאפארט פאר א סאשל סערוויסעס באאמטען.

אויב איר **באקומט נישט** קיין צייטווייליגע הילף, פילט אויס אן אפליקאציע און זאגט דערוועגן פאר א סאשל סערוויסעס באאמטען אז איר האט אן עמוירדזשענסי. איר האט די רעכט צו ווערן אינטערוויו'אירט איבער די עמוירדזשענסי אינעם זעלבן טאג.

איר מוזט קאאפערירן מיט דעם סאשל סערוויסעס באאמטען געוואר צו ווערן אויב איר קענט זאפארט באקומען הילף פאר אייער עמוירדזשענסי. דער סאשל סערוויסעס באאמטער וועט דארפן אויסגעפינען די דעטאלן פון אייער עמוירדזשענסי. דער סאשל סערוויסעס באאמטער וועט אייך זאגן וואס פאר א אינפארמאציע איר דארפט באקומען איידער איר קענט באקומען הילף נאכצוקומען אייער עמוירדזשענסי. צום ביישפיל, אויב איר זאגט אז איר האט באקומען ארויס-שטעלונג מעלדונג, וועט דער סאשל סערוויסעס באאמטער פארלאנגען צו זען די מעלדונג.

עס וועט פארלאנגט ווערן פון אייך איבערצייג ווער איר זענט און איבערצייג ווער די אנדערע מיטגלידער פון אייער פאמיליע זענען. עס איז אויך מעגליך אז איר וועט דארפן איבערצייגן אז איר און אייער פאמיליע האבן א צופרידן-שטעלנדע אימיגראציע סטאטוס. דער סאשל סערוויסעס באאמטער וועט אויך וועלן וואוסן איב איר האט סיי וועלכע פארדינסטן אדער מיטלן, ווי צום ביישפיל באנק קאנטעס אדער אנדערע סארט הילף וואס איז גרייט פאר אייך, וואס קען גענוצט ווערן אייך צו העלפן אין אייער עמוירדזשענסי.

אויב איר קענט נישט באקומען די אינפארמאציע אדער די איבערצייג דערפון, דאן מוז דער סאשל סערוויסעס באאמטער פרובירן אייך צו פארשאפן די אינפארמאציע אדער איבערצייג.

אויב אייער פארלאנג פאר הילף נאכצוקומען אייער עמוירדזשענסי געברויך ווערט באשטעטיגט, וועט איר באקומען א מעלדונג וואס וועט אייך אינפארמירן ווא פאר א סארט, ווי פיל און ווען איר וועט באקומען די הילף.

**פ. וועט די עמוירדזשענסי צייטווייליגע הילף אייך צו-שטעלן פאר עסן?**

ע. צייטווייליגע הילף וועט צו-שטעלן פאר די זאפארט'יגע געברויכן, א גרענט נאכצוקומען א געברויך פאר עסן, אויב קיין שום אנדערע "מיטלן", (ווי צום ביישפיל עסן באנק, פארשנעלערטע פוד סטעמפס), זענען נישט גרייט צום האבן אויף נאכצוקומען די עמוירדזשענסי געברויך פאר עסן.

**פ. וויאזוי וועל איך וואסן אויב איך בין באשטעטיגט געווארן פאר עמוירדזשענסי צייטווייליגע הילף און/אדער פוד סטעמפ בענעפיטס?**

ע. מיר מוזן אייך אינפארמירן, שריפטליך, וועגן אונזער באשלוס איבער אייער עמוירדזשענסי אינעם זעלבן טאג וואס איר זאגט אונז איבער אייער עמוירדזשענסי געברויך אדער סיטואציע. אויב איר גיט זיך איין פאר פוד סטעמפ בענעפיטס, און איר זענט אויך בארעכטיגט צו פארשנעלערטע באהאנדלונג, וועט דער אינטערוויו און די מעלדונג פון אונזער באשלוס פאסירן נישט שפעטער ווי פינף קאלענדער טעג נאכ'ן טאג וואס איר האט אויסגעפילט אייער אפליקאציע.

**פ. קען איך זאפארט באקומען פוד סטעמפ בענעפיטס?**

ע. יא, עס איז מעגליך אז איר קענט באקומען פוד סטעמפ בענעפיטס אין פארלויף פון פינף קאלענדער טעג **נאכ'ן אריין געבן** אייער אפליקאציע. דאס ווערט אנגערופן **פארשנעלערטע באהאנדלונג פאר פוד סטעמפ בענעפיטס**.

עס איז מעגליך אז איר זאלט קענען באקומען **פארשנעלערטע באהאנדלונג**, אויב איר זענט בארעכטיגט צו פוד סטעמפס בענעפיטס און:

- אייער הויזגעזינד האט ווייניגער ווי $100 אין קעש אדער אנדערע גרייטע מיטלן, און וועט האבן ווייניגער ווי $150 אין גראוס פארדינסטן אין פארלויף פונעם מאנאט ווען איר גיט זיך איין; אדער
- אייערע פארדינסטן און גרייטע מיטלן, ווי צום ביישפיל קעש אויף די האנט, באנק קאנטעס, סעווינגס סערטיפיקאטס, און "לאמפ סאם" (איינמאליגע צאלונגען), זענען ווייניגער ווי אייער רענט אדער מארטגעדזש פלוס הייצונג, יוטיליטיס און טעלעפאן; אדער
- איר זענט אן אויסלענדער אדער א סעזאנאלער פארם ארבייטער מיט ווייניגער ווי $100 אין פליסיגע מיטלן און די איינציגסטע פארדינסט אינעם מאנאט פון די אפליקאציע איז געווארן 1) אפגעשטעלט בעפאר די אפליקאציע, אדער 2) איז ניי, און נישט מער ווי $25 גראוס פארדינסט וועט ערהאלטן ווערן אין פארלויף פון צען טעג נאך אייער אפליקאציע פאר פוד סטעמפס.

> **באמערקונג:** איר מוזט נישט זיין גענצליך אן קיין עסן כדי צו באקומען פארשנעלערטע באהאנדלונג פאר פוד סטעמפ בענעפיטס.

**פ. וואס איז אויב איך בין היימלאז אדער איך האלט אט ביים ווערן היימלאז?**

ע. עס איז מעגליך אז איר קענט באקומען הילף:

- צו בלייבן איר אייער יעצטיגע וואוינונג.
- צו צאלן פאר אייך און אייער פאמיליע צו וואוינען מיט איינעם וואס איז אן אנדערער ווי א **"לעגאל פאראנטווארטליכער קרוב"**. א **לעגאל פאראנטווארטליכער קרוב** איז א מאן אדער א ווייב אדער, אויב איר זענט אינגער פון 21 יאר, איינער פון די עלטערן.
- צו אראנזשירן פאר אייך און פאר אייער פאמיליע צו וואוינען צייטווייליג אין א שעלטער, האטעל אדער מאטעל, ווען עס איז נישט פאראן צום האבן קיין שום אנדערע פאסיגע וואוינונג.
- צו באצאלן פאר א רעסטאראן אפצאל ווען איר און אייער פאמיליע האבן נישט קיין קאך איינריכטונגען, און עס ווערט אייך נישט צו-געשטעלט קיין מאלצייטן דארט וואו איר געפינט זיך.
- צו אראנזשירן פאר א זיכער פלאץ צו וואוינען אויב איר אדער איינער אין אייער פאמיליע אדער הויזגעזינד, אפגעזען צי איר אדער זיי געפינען זיך לעגאל אין די פאראייניגטע שטאטן אדער נישט, איז געווארן אויסגעשטעלט צו פיזישע אדער געשלעכטליכע פייניגונג, גייסטיגע פייניגונג, אדער דראונגען פון געוואלדטאטן אדער פייניגונג און די די אקטן זענען

דורכגעפירט געווארן דורך א מיטגליד אין די פאמיליע אדער אין די הויזגעזינד, אדער דורך אן איצטיגן אדער א געוועזענעם אינטימען פארטנער.

- צו צאלן פאר סטארעזש'ן אייער מעבל און אנדערע פערזענליכע זאכן וואס איר פארמאגט ווען איר ווערט ארויסגעשטעלט אדער איר מוזט זיך אוועק ציען.
- צו צאלן פארן זיך אוועק ציען אויסגאבן, רענט סעקיוריטי דעפאזיט אדער פאראייינבארונג, אדער מעקלערס אדער געפינער'ס קאסטן.
- צו צאלן פאר הויזגעזינד זאכן וואס מען ברויך האבן פארן איינרישן א וואוינונג.
- צו צאלן פאר אייך פארן נעמען אייערע קינדער צו און פון די שולע אזוי לאנג ווי אייער פאמיליע געפינט זיך אין אן עמוירדזשענסי וואוינונג.
- צו צאלן פאר זיך אוועק ציען אויסגאבן ווען איר ציעט זיך אריין אין אן עמוירדזשענסי וואוינונג, אדער צווישן עמוירדזשענסי וואוינונג פלעצער.

**פ. וואס איז אויב איך האב עמוירדזשענסי הייצונג אדער יוטיליטי געברויכן?**

**ע.** אויב איר האט מער נישט קיין הייצונג גאזאלין אדער אויב איר האט א מאס הייצונג גאזאלין וואס איז אייניג אדער וויינינגער ווי א פערטל פון די הויזגעזונד'ס גאזאלין טאנק (פאר אויל, קעראסין אדער פראפעין), אדער אויב איר האט הייצונג גאזאלין וואס וועט קלעקן וויינינגער ווי 10 קאלענדער טעג (פאר האלץ און קוילן), אדער אייערע יוטיליטיס זענען אפגעשפארט געווארן אדער האלטן אטביים אפגעשפארט ווערן, קען מעגליך זיין אז איר קענט באקומען הילף.

- אויב איר **באקומט שוין** צייטווייליגע הילף און איר האט א הייצונג אדער א יוטיליטי עמוירדזשענסי, זאגט דערוועגן זאפארט פאר א סאשל סערוויסעס באאמטען.
- אויב איר **באקומט נישט** קיין צייטווייליגע הילף, רופט אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס. זיי קענען אייך שיקן צו אייער לאקאלע Home Energy Assistance Program ("היים ענערגיע הילף פראגראם", HEAP) אפיס. אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע דזשאב סענטער. זיי קענען אייך שיקן צו די Community Development Agency’s Home Energy Assistance Program (קאמיוניטי דעוועלאפמענט עידזשענסי'ס האום ענערדזשי אסיסטענס פראגראם, HEAP) אפיס.
- אויב איר זענט נישט זיכער פון וואו איר ווילט באקומען הילף פאר אייער הייצונג אדער יוטיליטי עמוירדזשענסי, רופט טאלל-פריי **1-800-342-3009**.

**פ. וואס איז אויב איך האב עמוירדזשענסי מעדעצינישע געברויכן?**

**ע.** דער ניו יארק סטעיט געזעץ פארלאנגט פון שפיטעלער אייך צו דערלאנגען עמוירדזשענסי באהאנדלונג, אפילו אויב איר קענט נישט באצאלן דערפאר. אויב איר האט א מעדעצינישע עמוירדזשענסי זאלט איר שוין גיין זוכן מעדעצינישע אויפמערקזאמקייט דורך רופן 911.

דער ניו יארק סטעיט געזעץ פארלאנגט אויך אז שפיטעלער זאלן אייך מעגליך דארפן דערלאנגן נישט-עמוירדזשענסי באהאנדלונג וואס איר דארפט מעגליך האבן, אויב איר האט פארדינסט וויינינגער ווי א געוויסע סומע. דער געזעץ שטעלט א גרעניץ צו וואס די שפיטעלער קענען אייך רעכענען פאר די באהאנדלונג.

אויב איר זענט קראנק און איר דארפט זאפארט מעדעצינישע באהאנדלונג, און איר האט זיך איין געגעבן אדער איר האט נאך נישט באקומען א Common Benefit Identification Card (קאמען בענעפיט איידענטיפיקעישאן קארד, CBIC), זאלט איר אינפארמירן אייער דאקטאר אז איר האט א בעפאר שטייענדע מעדיקעיד אפליקאציע.

עס איז מעגליך אז מעדיקעיד וועט קענען באצאלן מעדעצינישע בიללס פאר באהאנדלונג וואס איר האט באקומען ביז א מאקסימום פון דריי מאנאטן בעפאר איר האט זיך איין געגעבן פאר מעדיקעיד. געדענקט צו זאגן פארן סאשל סערוויסעס באאמטען אויב איר האט סיי וועלכע באצאלטע אדער אומבאצאלטע מעדעצינישע בילס.

אויב איר זענט אן אומדאקומענטירטער אויסלענדער, אדער א צייטווייליגער נישט-אימיגראנט, קענט איר מעגליך זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד צו העלפן מיט אייערע מעדעצינישע באהאנדלונג אויב איר זענט שוואנגערדיג אדער איר דארפט באהאנדלונג פון אן עמוירדזשענסי מעדעצינישן צושטאנד.

עס איז מעגליך אז מעדיקעיד זאל צאלן פאר מעדעצינישע באהאהדלונג וואס איר באקומט אינדערויסן פון די סטעיט אויב איר דארפט עמוירדזשענסי מעדעצינישע באהאנדלונג אין דער צייט וואס איר פארט אין אן אנדערע סטעיט, אבער **נאר** אויב דער דאקטאר, איינריכטונג אדער מענטש וואס שטעלט צו די באהאנדלונג איז איינגעשריבן אין די ניו יארק סטעיט מעדיקעיד פראגראם.

**פ.** **וואס איז אויב עס פאדערן זיך עמוירדזשענסי סערוויסעס צו באשיצן דערוואקסענע מענטשן, קינדער אדער אנדערע פאמיליע מיטגלידער?**

**ע.** פאלגענד זענען א טייל פון די סערוויסעס וואס איר קענט באקומען אייך צו העלפן מיט אייער עמוירדזשענסי. עס איז נישטא קיין פארדינסט באגרעניצונג צו באקומען סיי וועלכע פון די סערוויסעס.

אויב איר וואוינט **אינדערויסן** פון ניו יארק סיטי, איז מעגליך אז אייער לאקאלע סאשל סערוויסעס דעפארטמענט זאל אייך קענען העלפן, אין צוגאב צו די הילף וואס איר קענט באקומען דורך אנרופן די טעלעפאן נומערן וואס זענען אויסגערעכנט דא אונטן.

אויב איר וואוינט **אין** ניו יארק סיטי, דאן רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע דזשאב סענטער אדער זוכט אויף די Human Resources Administration (היומען ריסארסעס אדמיניסטרעישאן, HRA), אדער די Administration for Children's Services (אדמיניסטרעישאן פאר טשילדרענס סערוויסעס, ACS) ליסטינגס אין די רעגירונג זייטלעך פון אייער ניו יארק סיטי טעלעפאן ביכל פון אייער בארא. רופט דעם נומער וואס איז אויס גערעכנט פאר די סארט הילף וואס איר דארפט. איר קענט **אייך** באקומען הילף דורך רופן די טעלעפאן נומער וואס זענען אויס גערעכנט דא אונטן.

כאטש עס זענען טאקע נישטא קיין פארדינסט באגרעניצונג צו באקומען דאמעסטישע גוואלדטאטן סערוויסעס, איז אבער מעגליך אז פאמיליעס און אינדיווידועלע מענטשן וואס נייטיגן זיך אין דאמעסטישע גוואלדטאטן שעלטער וועלן אויפגעפאדערט ווערן צו ביישטייערן צו די קאסט פון צו-שטעלן שעלטער, געוואנדן אין זייער פערזענליכע פארדינסטן און גרייטע מיטלן.

- **קינדער באשיצונג** - סערוויסעס וואס ווערט געגעבן פאר קינדער וואס זענען אינגער פון 18 יאר וועלכע זענען פארפייניגט אדער שלעכט באהאנדלט געווארן, און פאר זייערע פאמיליעס.

  אויב איר האט אן אויסגעהאלטענע אורזאך צו פארדעכטיגן אז א קינד ווערט געפייניגט אדער שלעכט באהאנדלט, רופט די "סטעיט-ווייד סענטראל רעדזשיסטער אוו טשיילד אביוז ענד מאלטריעטמענט" טאלל פריי אויף **1-800-342-3720**. אויב א באריכט ווערט רעגיסטרירט דאן וועט אן אויספארשונג דורך געפירט ווערן און, ווען עס פארלאנגט זיך, וועלן סערוויסעס אנגעבאטן ווערן פאר די פאמיליע צו באשיצן די קינד(ער).

  עס איז אויך ריכטיג צו רופן די "סטעיט וויד סענטראל רעדזשיסטער אוו טשיילד אביוז ענד מאלטריעטמענט" אויב איר זענט באזארגט איבער מעגליכע פייניגונג אדער פארנאכלעסיגקייט וואס האט פאסירט אין א רעזידענשל סארט טשיילד קעיר אטמאספער. איר קענט רופן טאלל פריי אויף **1-800-342-3720**, זיך דורך צו שמועסן איבער אייערע זארגן. אויב א באריכט ווערט רעגיסטרירט דאן וועט אן אויספארשונג דורך געפירט ווערן ביי די באטרעפענדע רעזידענשל טשיילד קעיר פראגראם.

  אויב איר געפינט זיך אין מאנראו קאונטי (אין ראטשעסטער און אומגעגנט) אדער אין אנאנדאגע קאונטי (סיראקיוז און אומגעגנט), איז פאראן א לאקאלע טעלעפאן נומער וואס איר קענט ענדערש רופן אויב איר זענט באזארגט איבער טשיילד אביוז (קינדער פייניגונג) אדער שלעכטע באהאנדלונג סיי אין א פאמיליע אטמאספער און סיי אין א רעזידענשל טשיילד קעיר אטמאספער. דער נומער איז **461-5690** אין מאנראו קאונטי, און **422-9701** אין אנאנדאגע קאונטי.

  אויב איר זענט שוואנגערדיג אדער איר האט א ניי-געבוירן קינד וואס איז פינף טאג אדער ווייניגער און איר קלערט נישט אז איר קענט געהעריג באהאנדלען אייער קינד, דאן זאלט איר זאפארט רעדן דערוועגן צו א סאשל סערוויסעס באאמטן. אויב צוליב סיי וועלכע אורזאך קענט איר נישט רעדן צו א סאשל סערוויסעס באאמטן, אדער אויב איר האלט נאך ווייטער אז איר קענט נישט געהעריג באהאנדלען אייער בעיבי, דאן, כדי צו טרעפן א וועג וואס זאל באשיצן אייך בײדע, סיי אייך און סיי אייער בעיבי רופט די "אבענדענד אינפענט פראטעקשאן עקט אינפארמעישאן" און רעפוירל האטליין אויף 1-866-505-SAFE (**1-866-505-7233**).

- **פארמיידונגס סערוויסעס פאר קינדער און פאמיליעס** - סערוויסעס וואס ווערט געגעבן פאר קינדער און פאר פאמיליעס אז זיי זאלן קענען זיכער'ערהייט האלטן די פאמיליע אינאיינעם, און צו פארמיידן "פאסטער קעיר" פלאצירונג, אדער צו קענען זיכער'ערהייט צוריק ברענגען די קינדער פון "פאסטער קעיר" אזוי שנעל ווי מעגליך. עמוירדזשענסי קעש, פראדוקטן, שעלטער אדער אנדערע נויטווענדיגע זאכן קענען זיין א טייל פון די "פארמיידונגס סערוויסעס פאר קינדער און פאמיליעס". רעדט צו א סאשל סערוויסעס באאמטן איבער דעם.

- **באשיצונגס סערוויסעס פאר דערוואקסענע** - סערוויסעס וואס ווערט געגעבן פאר מענטשן וואס זענען 18 יאר אדער עלטער, וועלכע זענען פיזיש אדער גייסטיש אפגעשוואכט, וועלכע זענען געשעדיגט געווארן אדער וועלכע קענען זיין אין געפאר געשעדיגט צו ווערן, און זיי קענען זיך נישט אליין באשיצן, און האבן נישט קיינעם וואס איז פעאיג און וויליג זיי צו העלפן.

  צו מאכן א רעפוירל אדער צו באריכטן פארדעכטיגטע פייניגונג, פארנאכלעסיגונג אדער אויסנוצונג פון א דערוואקסענעם מענטש, ביטע רופט אייער לאקאלע Protective Services for Adults (פראטעקטיוו סערוויסעס פאר עדאלטס, PSA)

יוניט, דירעקט ביי אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס. איר קענט רופן טאלל-פריי אויף **1-800-342-3009** (דריקט אפציע 6) צו באקומען דעם טעלעפאן נומער וואו צו טרעפן אייער לאקאלע PSA יוניט.

- **געוואלדטאטן אינדערהיים (פיזישע אדער עמאציאנאלע פייניגונג אדער געפאר פון פייניגונג) -** סערוויסעס וואס ווערט געגעבן פאר פאמיליע און אנדערע הויזגעזונד מיטגלידער, מיט קינדער אדער אן קינדער, זיי ארויס צו העלפן מיט פראבלעמען פון פיזישע אדער עמאציאנאלע פייניגונג, אדער דער געפאר פון פיזישע אדער עמאציאנאלע פייניגונג. כאטש עס זענען טאקע נישטא קיין פארדינסט באגרעניצונג צו באקומען דאמעסטישע געוואלדטאטן סערוויסעס, איז אבער מעגליך אז פאמיליעס און אינדיווידועלע מענטשן וואס נייטיגן זיך אין דאמעסטישע געוואלדטאטן שעלטער וועלן אויפגעפאדערט ווערן צו ביישטייערן צו די קאסט פון צו-שטעלן שעלטער, געוואנדן אין זייער פערזענליכע פארדינסטן און גרייטע מיטלן.

  איר קענט רופן די 24 שעה האטליין פאר אינפארמאציע איבער עמוירדזשענסי שעלטער, סופארט (חיזוק) גרופעס, און ראטונגען. די דאזיגע סערוויסעס וועלן העלפן צו האלטן זיכער אייך און אייערע קינדער. צו באקומען אינפארמאציע און רעפוירלס צו אייער לאקאלע געוואלדטאטן אינדערהיים סערוויסעס פארזארגער, קענט איר רופן די פאלגענדע טעלעפאן נומערן, טאלל-פריי, 24 שטונדן אין טאג:

  **אין ניו יארק סיטי** רופט **(1-800-621-4673) 1-800-621-HOPE.**

  **אין סיי וועלכע אנדערע ניו יארק סטעיט געגנט**, רופט די ניו יארק סטעיט דאמעסטיק האטליין אויף: **1-800-942-6906 . (ספאניש רעדענדיגע, רופט 1-800-942-6908.)**

  א קעיס באאמטער פון סערוויסעס קען אויך אראנזשירן אייך צו פארשאפן די אינפארמאציע.

**פ.** **וואס איז אויב איך דארף האבן טשיילד קעיר אין אן עמוירדזשענסי סיטואציע?**

**ע.** עס איז **מעגליך** אז טשיילד קעיר זאל זיין גרייט פאר עלטערן/קעיר-טעיק'ער(ס), אויב די פאמיליע איז אדער אויף צייטווייליגע הילף, אדער האט עס פארדינסטן אינערהאלב די ערלויבטע מאקסימום, אין אן עמוירדזשענסי סיטואציע וואס דויערט נישט לאנג, ווי צום ביישפיל פעלער וואס די עלטערן/קעיר-טעיק'ער(ס) פעלט פון שטוב פאר א גרויסן טייל פון טאג, צוליב אזעלכע זאכןמ ווי צום ביישפיל א פייער, מ'גייט זוכן א וואוינונג, אדער מ'שטעלט צו רוטינע/הויזגעזינד סערוויסעס פאר אן עלטערן אדער אן אינוואליד קרוב. דאס ווענדט זיך אין דעם צי די לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס האט גרייט געלט דערפאר. פרעגט א סאשל סערוויסעס באאמטן צי אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס צאלט פאר טשיילד קעיר סערוויסעס אין די סארט אומשטענדן.

אויב איר וואוינט **אינדערויסן** פון ניו יארק סיטי, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס. אויב איר וואוינט **אין** ניו יארק סיטי, דאן רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע דזשאב סענטער אדער זוכט אויף די Human Resources Administration (היומען ריסארסעס אדמיניסטרעישאן, HRA), אדער די Administration for Children's Services (אדמיניסטרעישאן פאר טשילדרענס סערוויסעס, ACS) ליסטינגס אין די רעגירונג זייטלעך פון אייער ניו יארק סיטי טעלעפאן ביכל פון די בארא אין וועלכן איר וואוינט. רופט דעם נומער וואס איז אויס גערעכנט פאר די סארט הילף וואס איר דארפט.

**פ.** **קען איך באקומען קאמוניקאציע הילף אויב איך האב א דיסאביליטי, ווען איך פארלאנג עמוירדזשענסי הילף?**

**ע.** יא. כאטש ווען עס זאל נאר זיין, אריין גערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו עמוירדזשענסיס, מוז אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס אייך צו שטעלן די נויטיגע אקזילערי געהילפן און/אדער סערוויסעס, וועלכע קענען איינשליסן אבער זענען נישט באגרעניצט צו, דאלמעטשער, וועלכע זאלן ארויס העלפן די קאמוניקאציע מיט מענטשן וואס האבן דיסאביליטיס, וועלכע זענען פונקט אזוי ווירקזאם ווי די קאמוניקאציע מיט מענטשן וואס האבן נישט די דיסאביליטיס. ווען די לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס שטעלט צו א דאלמעטשער, קען נישט פארלאנגט ווערן אדער געמאנט ווערן פון אייך אז איר זאלט באצאלן פאר דעם דאלמעטשער.

**פ.** **קען איך מיט ברענגן א קרוב אדער א פריינט צו צו-שטעלן דאלמעטשער הילף?**

**ע.** יא. אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס קען ערלויבן מענטשן וואס זענען טויב, אדער וועלכע האבן א הערן אדער א רעדן שוואכקייט, צו נוצן א קרוב אדער א פריינט וועלכע זאל צו-שטעלן הילף אלס א דאלמעטשער, אבער זי קען נישט פארלאנגן אז אפליקאנטן/בענעפיטירער זאלן דארפן מיט ברענגן זייער אייגענעם דאלמעטשער.

**פ.** **אויב איך האב א דיסאביליטי און מיין אפוינטמענט ווערט ווידער-באשטימט צוליב דעם וואס מען האט נישט געקענט מאכן נייטיגע אראנזשירונגען אינעם טאג וואס איך האב פארלאנגט עמוירדזשענסי הילף, קען איך נאך אלץ באקומען עמוירדזשענסי סערוויסעס?**

**ע.** יא, אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשל סערוויסעס מוז אויך אדרעסירן עמוירדזשענסי/זאפארט'יגע געברויכן פון מענטשן וואס האבן א דיסאביליטי.

**פ. וואס פאסירט אויב מיין פארלאנג פאר עמוירדזשענסי הילף ווערט אפגעזאגט?**

**ע.** אויב א סאשל סערוויסעס באאמטער באשטימט אז אייער סיטואציע איז נישט קיין עמוירדזשענסי און אז איר קענט נישט באקומען קיין הילף אויף נאכצוקומען אייער עמוירדזשענסי, וועט איר באקומען א געשריבענע מעלדונג אינעם זעלבן טאג וועלכע וועט אייך אינפארמירן דערוועגן, און די אורזאך פארוואס. די מעלדונג מיינט בלויז אז אייער פארלאנג פאר **הילף נאכצוקומען אן עמוירדזשענסי** איז אפגעזאגט געווארן. אויב איר פילט אז אייער פארלאנג פאר הילף נאכצוקומען אייער עמוירדזשענסי וואלט נישט געמעגט אפגעזאגט ווערן, קענט איר פארלאנגען אן "אגענטור קאנפערענץ", אדער אן עמוירדזשענסי "יושר'דיגער פארהער".